ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

**ברכת כ״ק אדמו״ר שליט״א**
**לאחרי התרת נדרים ואחרי קבלת פ״נ הכללי,**
**ערב ראש השנה ה׳תשנ״ב**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
הי׳ תהא שנת פלאות אראנו
שנת המאה ועשרים לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

# ברכת כ״ק אדמו״ר שליט״א
# לאחרי התרת נדרים, ערב ראש השנה ה׳תשנ״ב

יישר כח*.

אַ כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בתוך כלל ישראל,

און במיוחד אין דעם ענין הכי עיקרי – גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

ובפרט אַז עס זיינען שוין פאַראַן כמה סימנים אויף דעם – אָנהויבנדיק פון דברי חז״ל[1] כמה שנים ודורות לפני זה: „כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה״, און כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט מסביר געווען אַז תשובה האָט מען שוין אויך אויפגעטאָן, און מ׳שטייט שוין „הכן כולכם״[2], און מ׳שטייט אַזוי שוין אַ משך זמן –

זאָל זיין תיכף ומיד די גאולה האמיתית והשלימה, און פון אָט דעם רגע זאָלן אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[3], גלייך זיין אין ארץ הקודש, און דאָרטן גופא – אין ירושלים עיר הבירה, על הר הקודש, און אין בית המקדש, ביז אין קדש הקדשים, וואו עס געפינט זיך דער אבן השתי׳ שממנה הושתת העולם[4],

און די קדושה פון קדש הקדשים און אבן השתי׳ שבו ווערט תיכף ומיד נתפשט בכל העולם כולו – „והי׳ הוי׳ למלך על כל הארץ״[5], „הוי׳ ימלוך לעולם ועד״[6].

נאָכאַמאָל – אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

* * *

[לאחר שכ״ק אדמו״ר שליט״א ירד מהבימה המשיך]:

דער קומענדיקער נייער יאָר איז אַ „שנה משולשת״, וועלכע האָט אַ שלימות משולשת, אַ יאָר אין וועלכן עס קומען צוזאַמען דריי ענינים פון שלימות (וואָס זיינען ניט תלוי זה בזה און אין אַנדערע יאָרן קען מען האָבן איינעם אָן דעם צווייטן):

(א) די שלימות פון שנת העיבור[7], אין וועלכער עס קומט צו אַ חודש הי״ג, און דער יאָר ווערט אָנגערופן „שנה תמימה״[8].

(ב) די[9] שלימות פון דעם וואָס חודש חשון און חודש כסלו – די צוויי חדשים אין יאָר וועלכע קענען זיין חסרים (של

---

*) לעדה שלימה דהמתירין.

1) סנהדרין צז, ב.

2) ל׳ כ״ק מו״ח אדמו״ר במכתבו מכ״ו אד״ר תרח״ץ – אגרות קודש שלו ח״ד ע׳ רעט. וראה „היום יום״ ט״ו טבת.

3) בא י, ט.

4) יומא נד, ב.

5) זכרי׳ יד, ט.

6) בשלח טו, יח.

7) ראה בארוכה מכתבים כלליים וא״ו תשרי: תשל״ו (לקו״ש חי״ד ע׳ 454 ואילך); תשל״ח (לקו״ש שם ע׳ 478 ואילך); תשד״מ (לקו״ש חכ״ד ע׳ 633 ואילך); תשמ״ט (סה״ש תשמ״ט ח״ב ע׳ 767). ר״ח ניסן: תשד״מ (הגש״פ עם לקוטי טעמים כו׳ ע׳ תשמז ואילך); תשמ״ט (הגש״פ שם ע׳ תתו ואילך). ועוד.

8) בהר כה, ל. ערכין לא, א (במשנה). רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פי״ב ה״ה. וראה אוה״ת להצ״צ (יהל־אור) לתהלים יט, ח (ע׳ סז ואילך).

9) ראה בארוכה שיחת יום ב׳ דראש השנה תשנ״ב (לקמן [סה״ש תשנ״ב ח״א] ע׳ 12 ואילך).

כ"ט יום) אָדער מלאים (של ל' יום)[10] — זיינען ביידע מלאים, צוויי חדשים מ־לאים — כפליים לתושי'[11], וואָס דעמולט ווערט דער יאָר אָנגערופן „שלימה"[12].

(ג) דערי[9] ערשטער טאָג פסח קומט אויס ביום השבת, וואָס דעמולט האָט מען די שלימות אין ספירת העומר אַז דאָס הויבט זיך אָן „ממחרת השבת"[13] אויך כפשוטו[14], וואָס דעמולט זיינען די „שבע שבתות תמימות"[13] — „תמימות כששת ימי בראשית" שמתחילות באחד בשבת ומסיימות בשבת (ווי עס שטייט אין מדרש[15]).

און אין דעם נייעם יאָר קומען צוזאַ־מען אַלע דריי שלימות'ן: סיי די שלי־מות פון מספר החדשים (שנת העיבור), סיי די שלימות פון מספר הימים אין חדשים (צוויי חדשים מלאים) — במילא קומט אויס אַז דער יאָר האָט די סאַמע מערסטע טעג וואָס אַ יאָר קען האָבן (זייענדיק אַ „שנה תמימה" און אַ „שנה שלימה" — אַ שנת העיבור אין וועלכער חודש חשון און כסלו זיינען מלאים), און סיי די שלימות פון די „שבתות תמימות", מיט וועלכע ס'איז פאַרבונדן הבאת שתי הלחם און די אַנדערע קרבנות פון חג השבועות, זמן מתן תורתנו, וואָס איז פאַרבונדן אויך מיט „תורה חדשה מאתי תצא"[16].

ועוד והוא העיקר — אַז די שלימות משולשת פון דעם נייעם יאָר גיט צו נאָכמער כח אַז תיכף ומיד ממש — נאָך בתחלת השנה — זאָל מען שוין זוכה זיין צו אַלע עניני שלימות, כולל — די שלימות פון „תורה חדשה מאתי תצא", ווייל תיכף ומיד ממש קומט די גאולה האמיתית והשלימה,

און תיכף ומיד ממש איז מען זוכה צו אַ כתיבה וחתימה טובה בגלוי לכל אחד ואחת בתוך כלל ישראל — לשנה טובה ומתוקה.

10) רמב"ם הל' קידוש החודש פ"ח ה"ו. טואו"ח סתכ"ח.

11) ל' הכתוב — איוב יא, ו. וראה שמו"ר רפמ"ו.

12) טור שם. וברמב"ם שם: חדשי' שלמים.

13) אמור כג, טו.

14) נוסף על פירושו „ממחרת היו"ט" כדרשת חז"ל (מנחות סה, ב ואילך. תו"כ ופירש"י עה"פ אמור שם).

15) קה"ר פ"א, ג ובמת"כ. פסדר"כ פ"ח. פס"ר פי"ח. רוקח הל' עומר סרצ"ה. ראב"ן ספ"ו. ראבי"ה פסחים סתקכ"ו. ועוד.

וראה בארוכה סה"ש ה'תנש"א ח"א ע' 437 ואילך.

16) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

# ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א
# אחרי קבלת פ"נ הכללי, ערב ראש השנה ה'תשנ"ב

א. בנוגע צו עניני דין אין תורה — וואָס איז ספּעציעל גילטיק אין די איצטיקע טעג וועלכע ווערן אָנגערופן ימי הדין[1], (אָנהויבנדיק פון דעם יום הדין פון ראש השנה[2]) — איז אַ פּסק־דין פון דעם אויבערשטן אין תורה[3], אַז דער דין דאַרף זיין אין אַן אופן פון „(ושפטו העדה גו') והצילו העדה"[4], ד.ה. אַז דער גאַנצער דין איז נאָר בכדי עס זאָל זיין נאָכמער „והצילו"[5] [ביז די שלימות פון „והצילו" בגאולה האמיתית והשלימה, כדלקמן ס"ג].

ווי עס שטייט אין טור[6] אַלס פּסק־דין (אע"פ וואָס ער ברענגט עס פון מדרש[7]) עה"פ[8] „מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו": „איזה אומה כאומה זו שיודעת אופי' של אלקי' . . שמנהגו של עולם אדם שיש לו דין . . אינו יודע איך יצא דינו, אבל ישראל אינן כן, לובשים לבנים ומתעטפים לבנים . . ואוכלין ושותין ושמחים בר"ה לפי שיודעים ש־הקב"ה יעשה להם נס כו'", „ומוציא[9] דינם לכף זכות וקורע להם גזר דינם".

דאָס הייסט, אַז אידן זיינען אַזאַ „אומה" — אַ פאָלק וואָס זייער טבע בהנ־הגתם בחיי יום יום (אויך בזמן הגלות) איז אַזאַ — וואָס נאָך איידער ס'איז דאָ דער פּסק־דין בפועל ווייסן זיי שוין זיכער אַז דער דין וועט זיין לזכות („והצילו העדה"), ביז אַז די זיכערקייט דריקט זיך אויס און פועל'ט אַ שינוי אין זייערע לבושים און מאכלים ומשקאות בראש השנה („אכלו משמנים ושתו ממתקים"[10]).

ב. ולהוסיף, אַז דער ענין איז אויך אונטערשטראָכן אין דער פרשת השבוע פון דעם שבת פון וועלכן עס ווערט געבענטשט ראש השנה — פ' נצבים[11]:

„אתם[12] נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם" גייט[13] אויף אידן — די אַלע עשר מדרגות שבכלל ישראל (ווי אויס־

1) ולכן אומרים בעשרה ימים שבין ר"ה ל־יוהכ"פ „המלך המשפט" (ברכות יד, ב. טושו"ע ושו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תקפב) „לפי שבימים הללו הקב"ה מראה מלכותו לשפוט את העולם" (שו"ע אדה"ז שם. מרש"י ברכות שם ד"ה המלך).

2) וכמפורש בכו"כ תפלות דר"ה. וראה ר"ה ח, א. טז, א־ב. ויק"ר רפכ"ט. זח"ב לב, ב. קלה, א. ח"ג רלא, א. תרגום לאיוב ב, א. רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ג. טואו"ח סו"ס תקפא (חלקו נעתק לקמן בפנים). וראה גם לקו"ת נשא כו, א. ספר הליקוטים — דא"ח צ"צ ערך ראש השנה ע' של ואילך, וש"נ. ועוד.

3) ו„מה שהוא עושה הוא אומר לישראל לעשות" כמ"ש (תהלים קמז, יט) „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל" (שמו"ר פ"ל, ט).

4) מסעי לה, כד־כה. וראה משנה ריש סנהדרין (ב, סע"א). ר"ה כו, א. ועוד.

5) וראה ויק"ר פכ"ט, ג: בשעה שישראל נוטלין את שופריהן ותוקעין לפני הקב"ה עומד מכסא הדין ויושב בכסא רחמים כו' ומתמלא עליהם רחמים ומרחם עליהם והופך עליהם מדת הדין לרחמים.

6) או"ח הל' ראש השנה סתקפ"א.

7) ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג. יל"ש ואתחנן רמז תתכה.

8) ואתחנן ד, ז.

9) יל"ש שם.

10) נחמי' ח, י. ב"י ושו"ע אדה"ז או"ח סתקפ"ג ס"ד.

11) שפרשה זו קורין לעולם קודם ר"ה (לקו"ת ר"פ נצבים).

12) ר"פ נצבים (כט, ט).

13) ראה לקו"ת ר"פ נצבים.

געזעכנט אין המשך הכתוב[14]) און אין יעדער אידן בפרט[15] (כנגד די עשר ספי־רות, ווי זיי שטייען בגלוי אין יעדער איד[16] אַלס נשמה בגוף) — ווי זיי שטייען אין דעם יום הדין פון ראש השנה[17] („היום״[18]), אַז הגם דאָס איז אַ יום הדין — שטייען זיי באופן פון „נצבים״, „קיימים ועומדים, דהיינו שזוכים בדין״[19] — „והצילו העדה״.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך פאַר־בונדן מיט דעם פירוש[20] אין „נצבים״ מלשון „נצב מלך״[21], אַז יעדער איד שטייט (בראש השנה) ווי אַ מלך[22], אַ מלך אויף כל המציאות אַרום אים, ביז אַ מלך אויפן גאַנצן סדר השתלשלות — ווארום יעדער איד, ווי ער איז — איז ער אַ מלך, איז ער מקבל פון מלך מלכי המלכים הקב״ה, וועלכער ווערט גע־קרוינט בראש השנה („תמליכוני עלי־כם[23]): וכפס״ד הנ״ל פון טור, אַז אידן ווייסן פאָראויס אַז זוכים בדין, ווארום זיי זיינען אַ „גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו״ (און דעריבער ווייסן זיי „אופי׳ של אלקי׳״), און זיינען בדרגת מלך, און דעריבער באַקומען זיי — דורך דעם וואָס זיי זיינען מקבל פון מלך מלכי המלכים הקב״ה — אַלע המש־כות והשפעות ווי עס קומט אַ מלך אָן קיין השתדלות מצדו. ואדרבה: אַ מלך טאָר גאָר ניט טאָן קיין מלאכה[24], בשעת איינער פון אנשי המלוכה קען עס פאַר אים טאָן, עאכו״כ ווען ס׳איז „ברוב עם״, וואָס „ברוב עם הדרת מלך״[25].

ג. דער עיקר און שלימות פון „והצילו העדה״ איז די הצלה פון דעם איצטיקן מעמד ומצב פון גלות, בגאולה האמיתית והשלימה — ווארום אפילו די וואָס האָבן — אויך איצטער (אין גלות) — הרחבה אין פרנסה רוחנית און הרחבה אין פרנסה גשמית, און אפילו די וואָס געפינען זיך אין ארץ הקודש אויפן הר הקודש, און דאָרטן גופא — אין דעם מקום הכי קרוב צו דעם מקום קדש הקדשים — זאָגן זיי אָבער דאָרטן אויך[26] „מפני חטאינו גלינו מארצנו״, ווארום מ׳האָט נאָך ניט דעם „מקדש אד׳ כוננו ידיך״[27], און ס׳איז נאָך ניט דער מצב פון „כל יושבי׳ עלי׳״[28], וואָס דוקא דעמולט האָט מען בשלימות אַלע ענינים, כולל — מצות יובל[28], וואָס איז במיוחד פאַר־בונדן מיט שחרור וגאולה[29], כמ״ש[30] „ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל

14) נצבים שם, ט־י.

15) לקו״ת שם.

16) בעשר כחות הנפש שלו (ראה לקו״ת שם) שנשתלשלו מעשר ספירות (תניא רפ״ג).

17) מקומות שבהערה 2.

18) ראה פענח רזא ס״פ נצבים. לקו״ת שם. „היום יום״ כ״ה אלול. וראה גם זהר שבהערה 2.

19) „היום יום״ שם. וראה ד״ה זה היום תר״ץ (סה״מ קונטרסים ח״א סט, ב).

20) אוה״ת נצבים ע׳ א׳רא. וראה אוה״ת ואתחנן ע׳ קפ.

21) מלכים־א כב, מח.

22) ולכן בכחו להכתיר הקב״ה למלך בר״ה, כי הוא „מתייחס אליו בערך מה״ (אוה״ת ואתחנן שם).

23) ר״ה טז, א. לד, ב.

24) במכ״ש מזה ש„כיון שנתמנה אדם פרנס על הציבור אסור בעשיית מלאכה בפני שלשה״ — קידושין ע, א. רמב״ם הל׳ סנהדרין פכ״ה ה״ד. טושו״ע חו״מ ס״ח ס״ד.

25) משלי יד, כח.

26) בתפלת מוסף דיו״ט.

27) בשלח טו, יז.

28) ערכין לב, סע״ב. רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פ״י ה״ח.

29) ולהעיר שהתחלת השחרור ביובל היא מראש השנה — ר״ה ח, ב. רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פ״י הי״ד. וראה לקו״ש ח״ט ע׳ 387.

30) בהר כה, י.

משפחתו תשובו" (בשנת היובל) אפילו אַזאַ וואָס זאָגט[31] „אהבתי את אדוני" און גייט ניט אַרויס בשביעית[32].

ויש לומר אַז די שייכות פון יום הדין פון ראש השנה מיט דער גאולה („והצילו העדה") איז אויך אונטער־שטראָכן אין דעם וואָס בראש השנה איז די עבודה פון קבלת מלכותו ית', צו ממלא זיין די בקשה פון דעם אויבערשטן „תמליכוני עליכם" [ווי די גמרא זאָגט אין תלמוד בבלי[33], וואָס איז פאַרבונדן מיט גלות, „במחשכים הושיבני"[33]], וואָס מלכותו ית' איז פאַרבונדן און ווערט נתגלה בשלימותה דורך דוד מלכא משיחא (וואָס ענינו איז ספירת המלכות[34]).

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז שטייענדיק איצטער אין די לעצטע רגעים פאַר דער גאולה (לויט אַלע סימנים, כנ"ל[35]) — דאַרף דער דין אין די טעג (ימי הדין) ברענגען דער עיקר ושלימות פון „והצילו" — די גאולה האמיתית והשלימה.

ותיכף ומיד ממש — ניט אַריינגייענדיק אין אַ שקו"ט בזה — ס'איז אויף דעם קיין צייט ניטאָ, וואָרום מ'דאַרף גלייך גיין מקבל פנים זיין די גאולה האמיתית והשלימה און דוד מלכא משיחא, און כ"ק מו"ח אדמו"ר בראשנו — איז פאַרשטאַנדיק, אַז מיט יעדער רגע שנעלער וואָס מ'פאַרענדיקט די ענינים שקודם לזה, איז דאָס אַ רגע פריער פון דער גאולה האמיתית והשלימה.

ד. ולהוסיף, אַז די שייכות פון „והצילו" בראש השנה מיט דער גאולה איז אויך מודגש אין דער פרשה פון דער וואָך — פ' וילך וואָס קומט בהמשך צו פ' נצבים:

שטייענדיק „נצבים . . לפני ה' אלקיכם", באופן פון „נצב מלך" (כנ"ל ס"ב) — האָבן אידן בכח אַז באַ זיי זאָל דערנאָך גלייך ווערן „וילך" — לכל לראש די הליכה פון גלות אין גאולה, וואָס דאָס איז כולל די הליכה פון ארצות הגלות אין ארץ הגאולה (ארץ ישראל), ובפרט ווי זי ווערט תיכף ומיד אין אַ מצב פון „כל יושבי' עלי'", און דערנאָך אין גאולה עצמה — „וילך", „ילכו מחיל אל חיל", ביז „יראה אל אלקים בציון"[36].

און עס ווערט באַ יעדער אידן „היום מלאו ימי ושנותי" (כדברי משה בהמשך צו „וילך משה"[37]) — אַז יעדער איד האָט ימים ושנים מלאים בתורה ומצוות, און דער כח אויף דעם באַקומט ער פון דעם וואָס אַזוי איז געווען באַ משה רבינו, און דערפון ווערט עס נמשך אין יעדער אידן דורך בחי' משה שבו וואָס פועל'ט אויף אים ביז אין מעשה בפועל (ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[38], ובתוספות ביאורים בזה פון דעם צמח־צדק).

ה. די שייכות הנ"ל פון יום הדין ראש השנה מיט „והצילו העדה", כולל ובעיקר די גאולה — הויבט זיך שוין אָן אין ערב ראש השנה, וואָס אַן ערב והכנה איז אַ מעין פון דעם וואָס דאָס גרייט צו. ועאכו"כ בנוגע צו ערב ראש השנה, וואָס דעמולט האָט מען שוין דעם „והצילו העדה" פון ראש השנה — ווי

31) משפטים כא, ה־ו.

32) ראה פרש"י משפטים שם, ו. בהר שם.

33) איכה ג, ו. סנהדרין כד, א.

34) ראה סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך.

35) בהברכה לאחרי התרת נדרים (לעיל [סה"ש תשנ"ב ח"א ע' 1] ע' 3).

36) תהלים פד, ח.

37) פרש"י וילך לא, ב.

38) פמ"ב.

דער פס"ד הנ"ל פון טור, אַז שוין בערב ראש השנה ווייסן אידן אַז זוכים בדין, און דעמולט הויבן זיך שוין אָן די הכנות צו ראש השנה[39] — וכידוע אַז שבת און יו"ט דאַרפן האָבן אַ הכנה מיוחדת[40], ועאכו"כ די הכנה ערב ראש השנה צו ראש השנה, וועלכער איז משפיע אויף כל ימי השנה (אַזוי ווי אַ ראש איז משפיע אויף אַלע חלקי הגוף)[41].

ו. ויש לומר אַז די שייכות פון ערב ראש השנה מיט דער גאולה (זוכים בדין) איז אַרויס נאָכמער בגלוי בדורות האח־רונים — דורך דעם יום הולדת פון דעם צמח־צדק ביום זה (בשנת תקנ"ט):

דער נאָמען פון צמח־צדק [ווי ער ווערט אָנגערופן על שם תורתו] איז שמו של משיח צדקנו, שנקרא „צמח" און נקרא „צדק"[42].

ולהוסיף אין דער שייכות פון צמח־צדק מיט משיח צדקנו: דער צמח־צדק — דער נשיא השלישי פון נשיאי חב"ד[43] — איז כולל אין זיך אַלע נשיאים, ווי מ'זעט עס אין זיין תורה וועלכע איז כולל די תורה פון אַלע נשיאים שלפנ"ז, און אויך פון די נשיאים שלאח"ז, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו. והיות אַז רבותינו נשיאינו, און כללות הענין פון גילוי פנימיות התורה והפצת המעינות חוצה דורך רבותינו נשיאינו, איז פאַר־בונדן מיטן גילוי פון משיח צדקנו, וב־מיוחד כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו כמרומז בשמו „יוסף יצחק" על שם „יוסף אד' שנית ידו"[44] — איז פאַרשטאַנ־דיק אַז דאָס (די שייכות פון די רביים מיט משיח) שטייט בהדגשה באַם צמח־צדק וועלכער איז כולל אַלע נשיאים.

דערפון איז מובן, אַז ביום הולדת של הצמח־צדק (בערב ראש השנה), וואָס דעמולט איז „מזלו גובר"[45] — איז גובר דער ענין פון שמו של משיח, אַז דער בעל יום ההולדת טוט כל התלוי בו — ובמילא איז זיכער אַז דאָס איז פועל פעולתו — אַז עס זאָל זיין דער גילוי פון שמו של משיח, און נאָכמער — דער גילוי פון משיח אַליין (ווי ער איז העכער פאַר שמו).

ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו דער נשמה וואָס „חמשה שמות נקראו לה"[46] (נפש רוח נשמה חי'), ביז דעם שם החמישי — יחידה, ביז דער עצם הנשמה (וואָס „חמשה שמות נקראו לה"[47]),

אַזוי אויך י"ל בנוגע צו משיח — אַז נוסף צו גילוי פון שמו של משיח, ביז ווי ער איז פאַרבונדן מיט יחידה (יחידה הכללית[48]), האָט מען אויך די עצמות פון משיח צדקנו, וואָס דאָס איז איין זאַך

39) ראה טור שם: לפיכך נוהגין לספר ולכבס בערב ר"ה.

40) ביצה ב, ב.

41) ראה לקו"ת דרושים לר"ה נז, א ואילך. ובכ"מ.

42) „צמח" — „איש צמח שמו" (נוסח הושענות הושע"ר. מזכרי' ו, יב (ובמפרשים שם). וראה שם ג, ח). „צדק" — „והי' צדק אזור מתניו" (ישעי' יא, ה). וראה ירמי' כג, ה ובפרש"י. שם לג, טו.

43) כנגד ספירת הדעת (ספר השיחות תרצ"ו ע' 141. תש"ב ע' 19. תש"ה ע' 60. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"ץ ח"ט ע' תטז).

44) ישעי' יא, יא.

45) ראה ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח ובקה"ע.

46) ב"ר פי"ד, ט. דב"ר פ"ב, לז. בכמה מקומות ודפוסים הוא בשינוי סדר. אבל כ"ה בע"ח שער דרושי אבי"ע פ"א. שער הגלגולים בתחלתו. ובכ"מ.

47) ראה סה"מ תרפ"ח ע' קיז. ועוד.

48) רמ"ז לזח"ב מ, ב. לזח"ג רס, ב. ל"ת להאריז"ל בראשית עה"פ ויתהלך חנוך. ס' ארבע מאות שקל להאריז"ל (ע' רמא — בהוצאת ירושלים תשמ"ה). ועוד. וראה בהנסמן בלקו"ש חכ"ט ע' 360 הערה 27.

מיט עצמות א״ס[49], און דעריבער איז דער גילוי פון משיח (בערב ראש השנה) פאַרבונדן מיט קבלת מלכותו ית׳ בראש השנה[50] כנ״ל, און דער גילוי פון ענין המלכות („נצב מלך״) אין יעדער אידן, כמובן אויך פון פס״ד הטור בנוגע צו ערב ר״ה כנ״ל.

[ולהעיר אַז דער טור איז דער יסוד פון בית יוסף, וועלכער איז דער יסוד פון שולחן ערוך בית יוסף, וואָס ער איז דער יסוד פון דעם אַלטן רבין׳ס שולחן ערוך, אויף וועלכן עס זיינען פאַראַן כמה תשובות וביאורים פון צ״צ].

ז. ויש לקשר זה מיט דעם ענין פון „וילך משה״ (די הליכה פון גלות אין גאולה כנ״ל ס״ד) — ע״פ המדובר לאחרונה[51] די ראשי־תיבות [וואָס איז נוגע במיוחד צו חסידי חב״ד, און דורך זיי — צו כלל ישראל בכל הדורות] פון „מיד״ — „מיד הן נגאלין״[52] — משה, ישראל (הבעש״ט), דוד (מלכא משיחא):

די אַלע דריי (משה, ישראל הבעש״ט און דוד מלכא משיחא) זיינען פאַרבונדן מיט „מיד הן נגאלין״: משה הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון[53]. ישראל הבעש״ט — ווי משיח האָט אים געענטפערט אויף זיין שאלה „אימתי אתי מר״ — „כשיפוצו מעינותיך (פון בעש״ט) חוצה״[54]. און דוד מלכא משיחא — וואָס דורך אים קומט די גאולה האמיתית והשלימה בפועל.

און אין דעם וואָרט „מיד״ שטייען אַלע דריי צוזאַמען אין אַן איין און איינציקן וואָרט, און אַ וואָרט וואָס פירושו איז „מיד״ (גלייך), אין איין און איינציקער רגע — באַוויזט דאָס אַז אַלע דריי זיינען אַן איין און איינציקע נקודה: די נקודה פון גאולה מיד.

און די נקודה טיילט זיך אויף דריי פרטים, און דוקא אין דעם סדר פון משה, ישראל הבעש״ט און דוד מלכא משיחא: דער כח אויף גאולה קומט פון משיח גואל ראשון הוא גואל אחרון, און משה קיבל תורה מסיני ומסרה כו׳[55], וואָס דאָס איז כולל כל התורה כולה, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש[56], כולל — אויך דער גילוי פון פנימיות התורה באופן פון הפצת המעינות חוצה דורך דעם בעש״ט, וואָס דורך דעם איז „אתי מר״ דוד מלכא משיחא.

ובפרטיות יותר: משה און דוד (מלכא משיחא) זיינען דער ראשון ואחרון — גואל ראשון הוא גואל אחרון, און צווישן זיי איז דער אות י׳ ר״ת ישראל (הבעש״ט), וואָס גייט אויף דער פינטעלע איד (נקודת היהדות)[57], ווי זי שטייט בגלוי ביז זי באַקומט אַ צורת אות (י׳), ואדרבה: דוקא דער י׳ איז מחבר די צוויי אותיות מ׳ און ד׳ וועלכע האָבן אַ התפשטות שלא בערך מער ווי התפשטות הי׳ — וואָרום די פינטעלע איד פאַרבינדט זיך מיט דעם אויבערשטן אַליין, און דעריבער שטייט אַ איד אין אַ מצב פון „נצב מלך״ (כנ״ל)

49) ראה סהמ״צ להצ״צ מצות מינוי מלך בסופה: במשיח נתת אתה הא״ס בעצמו.

50) ועפ״ז מובן השייכות דיום הולדת הצ״צ לערב ראש השנה.

51) שיחת ש״פ במדבר ויום ב׳ דחגה״ש תנש״א (סה״ש ה׳תנש״א ח״ב ע׳ 562). ועוד.

52) ל׳ הרמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ה.

53) ראה שמו״ר פ״ב, ד. זח״א רנג, א. שער הפסוקים פ׳ ויחי. תו״א ר״פ משפטים. ועוד.

54) אגה״ק הידועה דהבעש״ט — נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ״מ.

55) אבות רפ״א.

56) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. ועוד — נסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 252 בהערות.

57) ראה „היום יום״ ח׳ אדר א׳.

און „וילך", און דוקא ער האָט בכח צו ברענגען דעם גואל ראשון הוא גואל אחרון (משה און דוד מלכא משיחא).

און דער כח אויף מגלה זיין דעם י' (נקודת היהדות) – יחידה שבנפש (ניצוץ משיח שבכל א' מישראל[58]) ביז עצם הנפש – אין אַ אידן, איז געקומען ב־מיוחד דורך ישראל הבעש"ט, ע"י גילוי תורת החסידות – וואָס דאָס גייט בכללות אויף גאַנץ תורת החסידות פון אַלע רבותינו נשיאינו (וואָס איז פאַר־בונדן מיט משיח), ובמיוחד – שטייט דאָס בגלוי באַ דעם צ"צ, וועלכער איז כולל אַלע רבותינו נשיאינו, כנ"ל (ס"ו).

ח. די שייכות הנ"ל פון ערב ראש השנה מיט דער גאולה שטייט נאָכמער בהדגשה בערב ראש השנה בקביעות שנה זו – הן בימי השבוע, אַז דאָס קומט אויס ביום ראשון בשבוע, און הן בכללות השנה – שנת ה'תשנ"ב:

ווען ערב ראש השנה איז ביום ראשון בשבוע, קומט אויס אַז ער איז צווישן צוויי ימי סגולה – צווישן יום השבת קודש און ראש השנה. וע"פ הידוע אַז אַלע ענינים אין קדושה זיינען בדיוק, איז מובן אַז דער טאָג פון ערב ר"ה האָט בכח צו מחבר זיין די צוויי קצוות פון שבת און ראש השנה: שבת איז „מיקדשא וקיימא"[59] מלמעלה, משא"כ ראש השנה ווערט נתקדש דורך אידן (ישראל דקד־שינהו לזמנים[60]). און דורך דעם טאָג פון ערב ראש השנה בינתיים ווערט דער חיבור פון ביידע ענינים, אַז די קדושה פון שבת וואָס איז למעלה מכל ה־עולמות (מיקדשא וקיימא מלמעלה) ווערט נמשך כמו שהיא אין ראש השנה; און אַזוי אויך לאידך גיסא, ווערט נתגלה ווי יעדער איד איז אַ „בעה"ב" (זייענדיק בדרגת מלך כנ"ל) אויף שבת און איז משפיע אין שבת, ביז – ווי יעדער איד ווערט בעה"ב אויף (ברענ־גען דעם) „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[61].

ובפרטיות יותר: בקביעות שנה זו האָט מען די מעלה, אַז ראש השנה קומט אין אַ המשך פון דריי ספּעציעלע טעג נאָכאַנאַנד[62]: (א) יום השבת קודש, פאַר־בונדן מיט „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים". (ב) ערב ראש השנה – ביום ראשון בשבוע, וועלכער ווערט אָנגע־רופן בתורה[63] „יום אחד", על שם וואָס הקב"ה הי' יחיד בעולמו[64]. וענין זה פון יום ראשון דמעשה בראשית חזר'ט זיך איבער בכל יום ראשון[65], ווי מ'זעט עס אין שירו של יום וואָס מ'זאָגט דעמולט „לה' הארץ ומלואה"[66]. ובהדגשה יתירה ווען דער יום ראשון איז ערב ראש ה־שנה, וואָס דעמולט איז „זה[67] היום תחלת מעשיך זכרון ליום ראשון"[68]. (ג) ראש השנה, ביום שני בשבוע, וואָס ביום זה נבראת מחלוקת[69] – מחלוקת למעליותא, מחלוקת לשם שמים (ווי מחלוקת שמאי והלל) וואָס „סופה להתקיים"[70], סיי די

58) מאור עינים ס"פ פינחס.

59) ביצה יז, א.

60) ברכות מט, א.

61) תמיד בסופה.

62) ראה בארוכה השיחה דיום השבת – ש"פ נצבים, כ"ח אלול תנש"א.

63) בראשית א, ה.

64) ב"ר פ"ג, ח. פרש"י בראשית א, ה.

65) ראה לקו"ת שה"ש כה, א. ובכ"מ.

66) תהלים כד, א.

67) תפלת מוסף דר"ה, מר"ה כז, א.

68) ראה שיחת יום ב' דר"ה תשנ"ב (לקמן [סה"ש תשנ"ב ח"א] ע' 13 ואילך).

69) ב"ר פ"ד, ו. זח"א יז, א.

70) אבות פ"ה הי"ז.

מעלה פון שמאי (גבורה[71]) און סיי די מעלה פון הלל (חסד[71]) — "ושפטו העדה (דין) גו' והצילו העדה" (חסד), דורך אַ כח נעלה משניהם וואָס איז זיי מחבר[72] — דער כח פון משה, ר"ת משה שמאי הלל, וואָס הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון.

וואָס דאָס איז נוסף אויף דער מעלה משולשת פון דער שנה חדשה — שנה תמימה (שנת העיבור), שנה שלימה (חשון וכסלו מלא), און "תמימות" בשלימות פון "שבע שבתות תמימות", ווי גערעדט פריער[73].

ט. די ראשי־תיבות פון דעם מספר השנה ה'תשנ"ב האָבן אידן קובע געווען — הי' תהא שנת נפלאות בכל:

"נפלאות בכל" מיינט בפשטות, אַז עס וועלן זיין (הי' תהא — לשון הבטחה ולשון ציווי ונתינת כח) נפלאות אין אַלץ, אין אַלע ענינים פון דעם יאָר. וואָס דאָס איז דורך דעם וואָס עס קומט תיכף ומיד די גאולה האמיתית והשלי־מה, האָט מען דעמולט "נפלאות בכל".

ובביאור הדברים: "בכל" באַווייזט אויף תכלית שלימות הברכה כולל די שלימות פון גאולה האמיתית והשלימה — ווי חז"ל זאָגן[74] אַז "שלשה הטעימן הקב"ה בעולם הזה מעין העולם הבא, אלו הן אברהם יצחק ויעקב, אברהם דכתיב בי'[75] בכל יצחק[76] דכתיב בי'[77] מכל ויעקב דכתיב בי'[78] כל". דאָס הייסט, אַז "בכל" איז פאַרבונדן מיט דער שלימות פון עולם הבא[79], די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמולט וועט מען האָבן "כל" — אַלץ בשלימות.

ובשרש הענינים: "כל" גייט אויף די ה' ספירות (וואָס זיינען כולל אַלע ספירות) פון חסד ביז הוד, ווי זיי שטייען בשלימות (כל א' כלול מעשר) — איז דאָס בגימטריא כל (חמשים). און "בכל מכל כל" איז ווי די שלימות פון "כל" (גאולה) ווערט נמשך אין אַלע ג' קוים (כנגד די ג' אבות), וועלכע זיינען כולל אַלע פרטים.

וויבאַלד אַז יעדער איד — אנשים נשים וטף — איז אַ יורש פון אַלע און יעדערן פון די ג' אבות, און יעדער איד האָט אין זיך אַלע דריי אבות[80], איז פאַרשטאַנדיק אַז יעדער איד באַקומט בפשטות "בכל מכל כל", ווי יעדערער זאָגט אין סיום פון ברכת המזון: "כמו שברך את אבותינו אברהם יצחק ויעקב בכל מכל כל כן יברך אותנו כולנו יחד בברכה שלימה",

ובפשטות — אַז יעדער איד באַקומט "בכל מכל כל" ברוחניות, און "בכל מכל כל" בגשמיות, מיט אַלע פירושים שבדבר, אָנהויבנדיק פון דעם פירוש העיקרי — אַז נאָך אין די לעצטע רגעים פון גלות זאָל יעדער איד האָבן "בכל מכל כל", אַז אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין באופן הכי טוב והכי מושלם ("לא חסרו שום טובה"[81]),

ועוד ועיקר — אַז דאָס ברענגט גלייך

71) ראה זח"ג רמה, א. תניא אגה"ק סי"ג. ועוד.

72) ראה שיחת יום ב' דר"ה תשנ"ב (לקמן [סה"ש תשנ"ב ח"א] ע' 17 ואילך. ע' 33 ואילך).

73) לאחרי התרת נדרים (לעיל ע' 2־1). וראה בארוכה — שיחת יום ב' דר"ה (לקמן ע' 12 ואילך).

74) ב"ב טז, סע"ב ואילך.

75) חיי שרה כד, א.

76) ולהעיר שלע"ל יקראו ליצחק כי אתה אבינו (שבת פט, ב).

77) תולדות כז, לג.

78) וישלח לג, יא.

79) ראה אוה"ת חיי שרה קכה, ב. וראה ספר הליקוטים דא"ח צ"צ ערך כל ע' קלב ואילך. וש"נ.

80) ראה תו"א ר"פ וארא. ועוד.

81) פרש"י ב"ב שם.

תכלית השלימות פון „בכל מכל כל" — די גאולה האמיתית והשלימה, ובפשטות ובגשמיות — בהתאם צו ברכת המזון פון אידן[82] (וואו מ'בעט „בכל מכל כל"): „ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך על הארץ הטובה אשר נתן לך"[83] — אַז מ'באַקומט ארץ ישראל בפשטות, ותיכף באופן של ירושה וכיבוש וחלוקת הארץ, און אַלע אידן געפינען זיך דאָרט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו"[84], בגאולה ה־אמיתית והשלימה,

ובאופן אַז דאָס פועל'ט אויך אויפן עבר, אַז אע"פ וואָס ברגע זה ממש איז משיח עדיין לא בא, איז בשעת ער וועט קומען ברגע לאחרי זה — וועט ער איבערמאַכן (דורך אַריינשטעלן דעם אל"ף פון אלופו של עולם[85]) אויך די רגעים שלפני זה (פון „גולה") אַז זיי זאָלן זיין אַ חלק פון גאולה.

י. ולסיכום:

שטייענדיק אין דעם יום סגולה פון ערב ראש השנה ה'תשנ"ב, הי' תהא שנת נפלאות בכל — וואָס ער איז אויך דער יום הולדת פון דעם צמח־צדק — ובסיום וחותם פון חודש אלול ר"ת „אני לדודי ודודי לי"[86], מיט די אַלע פינף ראשי תיבות פון אלול כנגד די ג' קוים ועמו־דים פון תורה עבודה וגמילות חסדים, און תשובה וגאולה[87] — איז אַ זיכערע זאַך אַז שטייענדיק אין אַ מצב פון „ודודי לי" בענטשט דער אויבערשטער יעדער איד און אַלע אידן נאָך אין חודש אלול מיט „בכל מכל כל", „מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"[88], סיי ברוח־ניות און סיי בגשמיות, און סיי שניהם יחד, ביז אין אַן אופן אַז זיי ווערן איין זאַך.

וע"פ פס"ד הטור הנ"ל אַז שוין בערב ראש השנה זיינען אידן „לובשים לבנים ומתעטפים לבנים" — איז מובן אַז נאָך בערב ראש השנה באַקומט מען שוין די התחלה פון אַלע המשכות והשפעות ואורות, ועאכו"כ — אַלע כחות, סיי ב־רוחניות סיי בגשמיות.

ועוד והוא העיקר — אַז תיכף ומיד ממש בערב ראש השנה זה, יום הולדת פון צמח־צדק — ווערט נתגלה משיח צדקנו, באופן פון „מראה באצבעו ואומר זה"[89]: אָט איז משיח ווי ער ווערט אָנגערופן „צמח", אָט איז משיח ווי ער וועט אָנגערופן „צדק", אָט איז משיח ווי ער ווערט אָנגערופן „יוסף יצחק" (דער נאָמען פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו), ועוד ועיקר — אָט איז משיח ווי ער ווערט אָנגערופן „דוד מלכא משיחא", צוזאַמען מיט משה רבינו — „גואל ראשון הוא גואל אחרון", צוזאַמען מיט ישראל הבעש"ט און אַלע רבותינו נשיאינו — ובאופן פון „מיד" (כנ"ל ס"ז), תיכף ומיד ממש.

ובפשטות — אַז „וילך" יעדער איד

82) שהוא הברכה היחידה מן התורה (ברכות מח, ב. רמב"ם ריש הל' ברכות. סדר ברה"נ לאדה"ז בתחלתו). וגם להדיעות שברכת התורה היא מה"ת — אין זה קשור עם גשמיות העולם וארץ ישראל כ"כ כמו ברכת המזון („ואכלת ושבעת גו'").

83) עקב ח, י.

84) לשון הכתוב — מלכים־א ה, ה.

85) ראה לקו"ת בהעלותך לג, ג. ובכ"מ. וראה סה"ש ה'תנש"א ח"ב ע' 504 ואילך. ע' 520 ואילך.

86) שה"ש ו, ג. וראה אבודרהם סדר ר"ה ו־פירושה פ"א. ראשית חכמה שער התשובה פ"ד (קטו, ב). פע"ח שער ר"ה פ"א. ב"ח לטור או"ח סתקפ"א (ד"ה והעבירו). של"ה במסכת ר"ה שלו (ריג, א). לקו"ת ראה (לב, א). ועוד.

87) ראה לקו"ש חכ"ט ע' 272 ואילך, וש"נ.

88) ברכה השלישית דברהמ"ז.

89) ל' חז"ל — שמו"ר ספכ"ג. וראה תענית בסופה.

און אַלע אידן פון גלות אין גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, למטה מעשרה טפחים,

און „וילך" אַלע אידן – „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[90] – תיכף ומיד – „ארו עם ענני שמיא"[91] – אין ארץ הקודש, און מ'פּראַוועט דאָרט ראש השנה,

און דאָרטן גופא – אין ירושלים עיר הקודש, בהר הקודש, בבית המקדש השלישי והמשולש, „מקדש אד' כוננו ידיך", און דאָרטן גופא – אין קדש הקדשים, וואו עס געפינט זיך דער אבן השתי' שממנה הושתת העולם[92]

– דער אבן השתי' וועלכער שטייט גאַנץ ובגלוי אויך בזמן הזה בלי שינויים אין מקום קדש הקדשים בבית המקדש – וואָס דעריבער פאַרשטאַרקט דאָס די טענה און תביעה פון אידן אויף דער גאולה, טענה'נדיק אַז מ'זעט שוין איצטער בגלוי בעולם הזה התחתון דעם אבן השתי', וואָס זי איז דער יסוד פון גאַנץ עוה"ז אויך איצטער – וואָרום זי איז געבליבן גאַנץ אָן שינויים במקומה.

און צוזאַמען מיט דעם בית המקדש השלישי ווערט מקויים „ביום השלישי יקימנו ונחי' לפניו"[93], חיים אמיתיים ונצחיים, אָנהויבנדיק פון חיים כפשוטם – אַ כתיבה וחתימה טובה לכל אחד ואחת מישראל, מיט חיים בפשטות – אַ גוף בריא און אַ נשמה בריאה, סיי בגשמיות סיי ברוחניות.

און תיכף ומיד ממש ווערט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן אין ארץ הקודש, לירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי, אין דער גאולה השלישית, וועלכע איז אויך כולל די גאולה העשירית, גאולה שאין אחרי' גלות[94] (ווי מ'זאָגט עס אויך אין סדר של פסח, וואָס „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[95]).

ועוד ועיקר – תיכף ומיד ממש, ובפרט אַז מ'שטייט אין אַ יום סגולה פון ערב ראש השנה מיט אַלע זיינע מעלות,

ובפרט אַז יעדערער וועט זיכער אויסנוצן דעם טאָג אויף מוסיף זיין אין עניני צדקה און אין כמה ענינים טובים, ובמיוחד – אין דעם ענין שהזמן גרמא – יום הולדת פון צמח־צדק – דורך לערנען מתורתו און מקיים זיין הוראותיו.

וכאמור – ביום זה עצמו זאָל קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

---

90) בא י, ט.

91) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

92) יומא נד, ב.

93) הושע ו, ב. וראה במפרשים שם.

94) מכילתא בשלח טו, א. תוד"ה ה"ג ונאמר – פסחים קטז, ב.

95) מיכה ז, טו.

**לזכות**

# כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

## יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה"ת
ליובאוויטש